**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**ניו יארק גאווערנער קעטי האקול, ניו דזשערסי גאווערנער פיל מוירפי און פארט אויטאריטעט פייערן אנהויב ארבעט אויף פלאטפארמעס העכער DYER AVENUE, אפצייכענענדיג ערשטע שטאפל פון נייע מידטאון באס טערמינאל קאנסטרוקציע**

***נייע באס טערמינאל וועט ערזעצן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור מיט איינריכטונגען וואס פאסן זיך פאר די 21'סטע יאר הונדערט כדי צו פארבעסערן די ערפארונג פון פאסאנזשירן און רעדוצירן אנגעלייגטקייט פון באסעס אויף לאקאלע גאסער***

***פראיעקט וועט ארייננרעכענען נייע איינריכטונג צו פארקירן און אויפהאלטן באסעס, טשארדזשינג קאפאציטעט צו אקאמאדירן עלעקטרישע באס פלאטעס, קאמיוניטי-פריינטליכע ריטעיל געשעפטן מיט די פנים צו די גאס און נייע ראמפעס צווישן 10th און 11th Avenue***

***פלאטפארמעס געבויט העכער די טיפע Dyer Avenue גאס פירנדיג צו Lincoln Tunnel וועט ערמעגליכן באס טערמינאל קאנסטרוקציע און ביים סוף שאפן 3.5 אקער פון עפנטליכע אפענע שטח***

***נייע באס טערמינאל צו געבויט ווערן פאר די צוקונפט און דעזיינט צו זיין באלאנסירט מיט עמיסיעס***

***פראיעקט וועט שאפן 6,000 יוניאן קאנסטרוקציע דזשאבס און נאכקומען פארגעשאצטע פארלאנג פון באס פאסאנזשירן אין 2040-50***

ניו יארק גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), ניו דזשערסי גאווערנער Phil Murphy (פיל מוירפי), און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי (Port Authority of New York and New Jersey) האבן היינט געפייערט די אנהויב ארבעט אויף די Dyer Avenue פלאטפארמעס, אפצייכענענדיג די ערשטע שטאפל אין קאנסטרוקציע פון די נייע מידטאון באס טערמינאל. די פלאטפארמעס וועלן ערמעגליכן די קאנסטרוקציע פון די נייע באס טערמינאל און וועלן גענוצט ווערן צו פארקירן און אויפהאלטן באסעס דורכאויס קאנסטרוקציע. ביים ענדע וועלן די פלאטפארמעס פארוואנדלט ווערן אין 3.5 אקער פון נייע עפנטליך-צוגענגליכע אפענע גרינע שטח נאך די קאנסטרוקציע פון די נייע באס טערמינאל איז פארטיג.

"דא אין ניו יארק ווייזן מיר פאר די וועלט וואס איז אלס מעגליך ווען די רעגירונג און די לאקאלע קאמיוניטי פארפליכטן זיך צו איבערדרייען די חזון פון מאדערנע אינפראסטרוקטור צו א רעאליטעט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "א נייע מידטאון באס טערמינאל וועט אהערשטעלן א באררייכערטע ערפארונג פאר מיליאנען פאסאנזשירן, ארייננבלאזן א נייע חיות אין די ארומיגע געגנט און זיכער מאכן אז די אריינגאנג פונקט צו די סיטי איז אזוינס מיט וועלכע ניו יארקער קענען זיין שטאלץ פאר פילע קומענדיגע דורות."

**גאווערנער Phil Murphy (פיל מוירפי) האט געזאגט,** "די היינטיגע אנהויב ארבעט שפיגלט אפ אונזער מיטגעטיילטע פארפליכטונג צו פארבעסערן די טראנספארטאציע ערפארונג אריבער די טריי-סטעיט ראיאן. איינמאל עס וועט פארענדיגט ווערן, וועט די נייע ערשט-קלאסיגע מידטאון באס טערמינאל באדינען הונדערטע טויזנטע טעגליכע רייזנדע יעדן טאג אזוי ווי זיי גייען צו די ארבעט, סקול, מעדיצינישע אפוינטמענטס אדער ווען זיי קערן זיך צוריק אהיים. דער פראיעקט איז נאך א גרויסע טריט אין ריכטונג פון מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור, פארבעסערנדיג די ערפארונג פון פאסאנזשירן און רעדוצירנדיג אנגעלייגטקייט פון באסעס. און פונקט אזוי וויכטיג, וועט עס שאפן טויזנטע שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס, פארשטערקערנדיג אונזער ארבעטסקראפט און עקאנאמיע."

די פלאטפארמעס זענען די ערשטע שטאפל פון די ארבעט צו ערזעצן די עקזיסטירנדע 75-יאר-אלטע באס טערמינאל וואס איז פונקציאנירט שוין נישט אויף היינטיגע סטאנדארטן מיט אן ערשט-קלאסיגע איינריכטונג. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט דער פראיעקט אריינרעכענען א נייע הויפט טערמינאל, א באזונדערע געביידע צו פארקירן און אויפהאלטן באסעס און נייע ראמפעס וואס פירן דירעקט אריין און ארויס פון די Lincoln Tunnel. די פלאן פאר דעם פראיעקט – אריינרעכענענדיג די פערמאנענטע פארשליסונג פון א טייל פון 41st Street צווישן Eighth און Ninth Avenue, א צענטראלע הויפט אריינגאנג, מער געשעפטן מיט די פנים צו די גאס, א רחבות'דיגע אינעווייניגע זאל מיט עטליכע שטאק און נייע עפנטליכע אפענע פלאץ – וועט באררייכערן די ערפארונג פון פאסאנזשירן ביי די וועלט'ס מערסט-פארנומענע באס טערמינאל און עס וועט ווערן א הויכפונקט פאר די קאמיוניטי. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו שאפן אומגעפער 6,000 שיין-באצאלטע יוניאן קאנסטרוקציע דזשאבס.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי טשעירמאן, Kevin O'Toole (קעווין אָ'טול), האט געזאגט,** "עס איז גאר באפרידיגנד צו אנהויבן די ארבעט אויף די ערשטע שטאפל פון קאנסטרוקציע אויף א נייע מידטאון באס טערמינאל וואס וועט פארבעסערן די לעבנס פון הונדערטע טויזנטע טעגליכע רייזנדע צווישן ניו דזשערסי און ניו יארק און פיל פארבעסערן די קאמיוניטי וואו עס געפונט זיך. איך וויל באדאנקען גאווערנער Murphy (מוירפי) און גאווערנער Hochul (האקול) פאר זייער פולע שטיצע פאר א פראיעקט וואס וועט ברענגען עקאנאמישע וואוקס און לעבהאפט צו אונזער ראיאן וואס איז מיטגעטיילט דורך די צוויי סטעיטס פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Rick Cotton (ריק קאטאן), האט געזאגט,** "די היינטיגע אנהויב ארבעט אויף די ערשטע שטאפל פון א נייע מידטאון באס טערמינאל איז א היסטארישע דערגרייכונג וואס האט זיך פאראויס געזוקט נאך יארן פון ווערן אפגעשטופט דורכן זיך קאנצענטרירן אויף צוויי הויפט פרינציפן — פארבעסערן די לעבנס פון צענדליגע טויזנטע טעגליכע רייזנדע און צושטעלן עכטע בענעפיטן פאר א קאמיוניטי וואס איז אונטער לאסט פון אן ארכיטעקטורישע דארן אין די אויג און פארפלייצנדע באס טראפיק. דורכן זיך קאנצענטרירן אויף בענעפיטן סיי פאר רייזנדע און סיי פאר די ארומיגע קאמיוניטי, רוקן מיר זיך יעצט פאראויס מיט א פראיעקט וואס געניסט פון פרעצעדענטלאזע שטיצע אויף יעדע שטאפל פון רעגירונג אויף ביידע זייטן פון די טייך. און מיר זענען ענדליך אויף אונזער וועג צו שאפן אן אריינגאנג פונקט וואס פאסט זיך פאר אונזער ראיאן."

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי וויצע טשעירמאן, Jeffrey Lynford (דזשעפרי לינפארד), האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ די אנהויב פון א לאנג-ערווארטעטע טראנספארמאציע: דאס ערזעצן איינע פון אונזער ראיאן'ס טרויעריג-בארימטע דערנער אין די אויג מיט א מאדערנע, ערשט-קלאסיגע באס טערמינאל. איינמאל עס וועט זיין פארטיג, וועט די נייע איינריכטונג נישט נאר פארבעסערן טעגליכע רייזעס — נאר עס וועט אויך דינען אלס א ווערטפולע אוצר פאר די געגנט. דער פראיעקט איז די רעזולטאט פון איבער א יאר-צענדליג פון ארבעט, אריינרעכענענדיג

הונדערטע באַגעגענישן מיט קאַמיוניטי פירער, טראַנספּאָרטאַציע שתדלנים און ערוויילטע בעאַמטע, און אַזוי אויך אַ גרונטליכע ענווייראַמענטאַלע איבערבליק אָנגעפירט דורך די פעדעראַלע טראַנספּאָרטאַציע אַדמיניסטראַציע (Federal Transit Administration). אַ דאַנק די שטאַרקע צוזאַמענאַרבעט, האָט דער פּראָיעקט זיך פאָרגעשטעלט ברייטע שטיצע — אָנגעהויבן פון די לאָקאַלע קאַמיוניטי ביז יעדע שטאַפּל פון רעגירונג."

**NJ TRANSIT פּרעזידענט און CEO, Kris Kolluri (קריס קאָלורי), האָט געזאָגט,** "די נייע מידטאַון באַס טערמינאַל שפּיגלט אָפּ אַ טראַנספאָרמאַטיווע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון ראַיאָנישע באַוועגונג. פאַר NJ TRANSIT, אַלס די גרעסטע טענאַנט, איז דער פּראָיעקט מער פון בלויז אינפראַסטרוקטור — עס איז אַ געלעגנהייט וואָס קומט אַמאָל אין אַ דור צו גיבן אַ נייע באַדייט פאַר די טעגליכע רייזע ערפאַרונג פאַר די צענדליגע טויזנטע ניו דזשערסי איינוואוינער וועלכע פאַרלאָזן זיך דערויף יעדן טאָג. די נייע טערמינאַל וועט שטיין אַלס אַן אַריינגאַנג פונקט צו געלעגנהייט און אַ מאַכטפולע סימבאָל פון אונזער מיטגעטיילטע פאַרפליכטונג צו אַ שטערקערע, מער פאַרבינדענע ראַיאָן."

פאַרלעסליכע און גלאַטע באַס סערוויס צווישן ניו יאָרק און ניו דזשערסי איז קריטיש פאַר די געקניפּט-און-פאַרבינדענע עקאָנאָמיעס פון ביידע סטעיטס, אַזוי ווי הונדערטע טויזנטע ניו דזשערסי איינוואוינער אַרבעטן אין ניו יאָרק סיטי. די נייע טערמינאַל איז דעזיינט צו נאָכקומען די פאַרגעשאַצטע וואוקס אין די צאָל פּאַסאַזשירן פאַר 2040-50, צו ברענגען אַן ערשט-קלאַסיגע ערפאַרונג פאַר פּאַסאַזשירן וואָס ערפילט דעם ראַיאָן'ס פּובליק טראַנספּאָרטאַציע באַדערפענישן אין די 21'סטע יאָר הונדערט און צו באַרייכערן די אַרומיגע קאַמיוניטי. דער פּראָיעקט רעכנט נישט אַריין דאָס אַוועקנעמען סיי וועלכע פּריוואַטע שטח אַזוי ווי עס וועט געבויט ווערן אויף עקזיסטירנדע שטחים וואָס באַלאַנגט פאַר די פּאָרט אויטאָריטעט פון ניו יאָרק און ניו דזשערזי, זיך ציהענדיג אַזוי ווייט צו מערב ווי 11th Avenue.

די נייע באַס טערמינאַל וועט געבויט ווערן פאַר די צוקונפט און וועט דעזיינט צו זיין באַלאַנסירט מיט עמיסיעס, אַקאָמאָדירנדיג פולשטענדיג-עלעקטרישע באַס פלאַטעס און איינפירנדיג מאָדערנע הייַ-טעק ערפינדונגען. די נייע ראַמפּע סטרוקטור וועט גיבן אַ דירעקטע פאַרבינדונג צו די Lincoln Tunnel, מיט צוגעלייגטע פּלאַץ פאַר באַסעס זיך צו אויסשורה'ן און מעגליכקייטן צו דורכשניידן שורות, דערמיט רעדוצירנדיג אָנגעלייגטקייט, באַס צירקולאַציע, שטיין אויף איין פּלאַץ מיט אַן אָנגעצינדענע מאָטאָר און פאַרקירונג אויף לאָקאַלע סיטי גאַסער. קאַמיוניטי-פריינטליכע לאָקאַלע ריטעיל געשעפטן מיט די פּנים צו די גאַס וועלן בענעפיטירן טעגליכע רייזנדע און די קאַמיוניטי צוגלייך.

די ענדגילטיגע פּלאַן פאַר דעם מידטאַון באַס טערמינאַל ערזעצונג פּראָיעקט נעמט אַריין ברייטע געדאַנקען וואָס זענען צוריקגעהערט געוואָרן פון די פּובליקום דורכאויס ברייטע באַמיאונגען צו הערן פון די קאַמיוניטי, אַריינרעכנענדיג קאָמענטאַרן פון די ניו יאָרק סיטי און ניו דזשערסי רעגירונגען, פּאַסאַזשירן, לאָקאַלע קאַמיוניטי באָורדס און ערוויילטע בעאַמטע אין ביידע סטעיטס. די סך הכל קאָסטן פון דעם ערזעצונג פּראָיעקט איז געשאַצט געוואָרן צו זיין אומגעפער 10 ביליאַן דאָלאַר, מיט די למעשה'דיגע קאָנטראַקט שליסונגען פאַר די ערשטע שטאַפּל פון דעם פּראָיעקט מאַכנדיג אַקטיווע פאָרשריט. קאָנסטרוקציע אויף די Dyer Avenue פּלאַטפאָרמעס איז יעצט אונטערוועגנס. דער פּראָיעקט האָט באַקומען פּרעצעדענטלאָזע שטיצע פון די קאַמיוניטי, די סיטי, סטעיט און פעדעראַלע אַגענטורן.

די פּאָרט אויטאָריטעט פון ניו יאָרק און ניו דזשערזי'ס קאָנסטרוקציע פּלאַן פאַר די נייע באַס טערמינאַל רופט פאַר דעם פּראָיעקט צו געבויט ווערן אין שטאַפּלען, מיט די פּלאַטפאָרמעס ווערנדיג געבויט ערשט נאָכגעפאָלגט דורך די פאַרקירונג און אויפהאַלטונג איינריכטונג. דער Dyer Avenue פּלאַטפאָרמעס פּראָיעקט רעכנט אַריין די קאָנסטרוקציע פון צוויי פּלאַטפאָרמעס העכער די טיפע פאַרציעס פון Dyer Avenue און די Lincoln Tunnel Expressway צווישן West 37th און West 38th Street און צווישן

West 38th און West 39th Street. די פארקירונג און אויפהאלטונג איינריכטונג קען דינען אלס א צייטווייליגע טערמינאל בשעת די עקזיסטירנדע טערמינאל ווערט אראפגעווארפן און ערזעצט.

**סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) האט געזאגט**, "די מידטאון באס טערמינאל איז אן איבערבלייבעניש פון א פארגאנגענע עפאכע און ווארט שוין לאנג פאר א גאר-נויטיגע מאדערניזירונג. די ערשטע טריט מאכט דאס מעגליך צו איבערבויען די באס טערמינאל מיט מינימאלע שטערונגען צו הונדערטע טויזנטע פאסאנזשירן יעדן טאג. דער פראיעקט וועט אויך זיין א לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונג אין די סיטי דורכן שאפן 6,000 נייע דזשאבס און 3.5 אקער פון גאר-נויטיגע אפענע שטח אין מידטאון. איך בין דאנקבאר פאר די פארט אויטאריטעט פארן ווידערהאלן איר פארפליכטונג צו אן ערשט-קלאסיגע רייזע ערפארונג אין ניו יארק וואס פאסט זיך פאר די 21'סטע יאר הונדערט."

**קאנגרעסמאן Jerry Nadler (דזשערי נעדלער) האט געזאגט**, "ענדליך, נאך פילע יארן פון דיסקוסיעס און שווער-אויסגעקעמפטע קאמיוניטי פארהאנדלונגען, טוהען מיר סוף כל סוף אנהויבן די ארבעט אויף די ערשטע שטאפל פון א גענצליך נייע פארט אויטאריטעט באס טערמינאל אין מידטאון מיט די Dyer Avenue פלאטפארמעס. די ערזעצונג באס טערמינאל פעהלט שוין פון לאנג אויס און רוקט זיך פאראויס צו אונזער פרייד. א נייע באס טערמינאל וועט פארבעסערן לופט קוואליטעט און מאכן אונזערע געסער זיכערער פאר פיסגייער דורכן אוועקנעמען אלע פאסאנזשיר באסעס און באסעס וואס פארן צווישן שטעט פון אונזערע געסער. און עס וועט ערזעצן די דארן אין אויג פון א פארעלטערטע און חרוב'ע באס טערמינאל מיט א מאדערנע און ווירקזאמע טראנספארטאציע צענטער וואס קומט נאך די באדערפענישן סיי פון פאסאנזשירן און סיי פון איינוואוינער בשעת'ן בייזשטייערן צו די אנגייענדע וואוקס און הצלחה פון ניו יארק סיטי. די נייע פלאטפארמעס וועלן עווענטועל פירן צו א נייע 3.5-אקער עפנטליך-צוגענגליכע אפענע שטח אויף די וועסט סייד, א זאך וואס איז פארצווייפלט נויטיג אין העל'ס קיטשען. איך בין שטאלץ צו שטיצן דעם פראיעקט און צו האבן געהאלפן פארזיכערן ביז אזויפיל ווי 1.9 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פון דעם טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור פינאנץ און ערפינדערישקייט אקט (Transportation Infrastructure Finance and Innovation Act, TIFIA) הלוואה פראגראם געשטופט דורך די Biden (ביידן) אדמיניסטראציע'ס Build America פראגראם."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דזשערמי קוּני) האט געזאגט**, "הונדערטע טויזנטע רייזנדע פון ניו יארק און ניו דזשערסי פארלאזן זיך אויף די רוּט און אויף די מידטאון באס טערמינאל. דער פראיעקט וועט מיינען שיין-באצאלטע קאנסטרוקציע דזשאבס, גלאטערע רייזעס און עווענטועל — נייע גרינע שטחים פאר די הנאה פון די קאמיוניטי. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און גאווערנער Murphy (מוירפי) פאר זייער פארפליכטונג צו מאכן דעם פראיעקט פאר א רעאליטעט און שאפן א גלאטערע טראנספארטאציע ערפארונג צווישן אונזערע צוויי סטעיטס."

**סטעיט סענאטאר Brad Hoylman-Sigal (ברעד האָילמאן-סיגעל) האט געזאגט**, "קאנסטרוקציע אויף אונזער נייע, ערשט-קלאסיגע מידטאון באס טערמינאל איז אפיציעל אונטערוועגנס. די פלאטפארמעס, אויף וועלכע ארבעט ווערט היינט אנגעהויבן, וועלן ערלויבן די ארבעט אויף דעם פראיעקט צו אנגעהויבן ווערן אן אפשטעלן סערוויס ביי די פארנומענסטע באס טערמינאל אין די וועלט. עס איז באזונדערס באגייסטערנד אז איינמאל קאנסטרוקציע אויף די טערמינאל וועט זיין פארטיג, וועלן מיר נישט נאר האבן א באס טערמינאל וואס וועט רעדוצירן אנגעלייגטקייט און אקאמאדירן מער פאסאנזשירן, נאר מיר וועלן אויך האבן נייע פארק שטח, אזוי ווי די פלאטפארמעס וועלן פארוואנדלט ווערן אין 3.5 אקער פון עפנטליך-צוגענגליכע גרינע שטח. איך קוק ארויס צו דעם טאג ווען די קאנסטרוקציע וועט זיין פארטיג און די מידטאון באס טערמינאל וועט גיין פון 'די ערגסטע' צו 'די ערשטע' אין די אויגן פון מיליאנען ניו יארקער וואס נוצן אדער וואוינען נעבן די טערמינאל, אריינרעכענענדיג די בירגער אין מיין דיסטריקט אויף די וועסט סייד פון מאנהעטן."

**אסעמבלי מיטגליד Tony Simone (טאָוני סימאָון) האט געזאגט,** "די אנהויב פון קאנסטרוקציע ציייכנט אפ די אנהויב פון א פולשטענדיגע טראנספארמאציע פון אונזער העכער Dyer Avenue פארעלטערטע באס טערמינאל צו ווערן אן ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע צענטער. די מאסיווע אינוועסטירונג דורך די פארט אויטאריטעט וועט נישט נאר אראפנעמען באסעס פון אונזערע פארנומענע געסער — נאר די פלאטפארמעס וועלן עווענטועל זיין נייע גרינע שטח פאר די וועסט סייד. איינמאל עס וועט זיין פארטיג, וועט די געגנט נישט קענען דערקענט ווערן פון איר יעצטיגע מצב, ווערנדיג א פלאץ וואו ניו יארקער וועלן ווילן פארברענגען צייט, און דאס אלעס בשעת'ן דראסטיש טוישן די וועג וויאזוי מיליאנען רוקן זיך אריבער אונזער סיטי און ראיאן."

**ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס) האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג ציייכנט אפ א גרויסארטיגע דערגרייכונג ביים בויען די צוקונפט פון פובליק טראנספארטאציע פאר אונזער ראיאן. דאס אנהויבן די ארבעט אויף די Dyer Avenue פלאטפארמעס איז מער פון די אנהויב פון קאנסטרוקציע — עס איז די אנהויב פון א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור, פארבעסערטע לופט קוואליטעט און אויסגעברייטערטע עפנטליכע שטח. די נייע מידטאון באס טערמינאל וועט נישט נאר מאדערניזירן א וויכטיגע צענטער פאר טעגליכע רייזנדע, נאר עס וועט אויך פונדאסנייי פארבינדן אונזערע געגנטער, שטיצן טויזנטע שיין-באצאלטע דזשאבס און שאפן א גרינערע, מער צוגענגליכע וועסט סייד פאר פילע קומענדיגע דורות."

**מאנהעטן באראו פרעזידענט Mark Levine (מארק לעווין) האט געזאגט,** "דאס אנהויבן די ארבעט אויף די Dyer Avenue פלאטפארמעס איז א וויכטיגע ערשטע טריט אין די ערזעצונג פון די מידטאון טערמינאל וואס וועט זיין א טראנספארמאטיווער פראיעקט פאר די וועסט סייד. עס איז צייט פאר די מערסט פארנומענע באס טערמינאל אין די וועלט צו ווערן אן ערשט-קלאסיגע איינריכטונג פאר טעגליכע רייזנדע, באזיכער און איינוואוינער. איך בין באגייסטערט פאר דעם פראיעקט צו ווערן א רעאליטעט, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט די פארט אויטאריטעט און די קאמיוניטי צו פארזיכערן די בעסטע תוצאות דורכאויס און נאך קאנסטרוקציע."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Erik Bottcher (עריק באטשער) האט געזאגט,** "די היינטיגע אנהויב ארבעט ציייכנט אפ א באמת טראנספארמאטיווע מאמענט פאר ניו יארק סיטי — און באזונדערס פאר די וועסט סייד. נאך יארן פון צוזאמענארבעט, פלאנירונג און טיפע קאמיוניטי צוזאמענארבעט, טוהען מיר סוף כל סוף אנהויבן די קומענדיגע קאפיטל פאר די מידטאון באס טערמינאל. דער פראיעקט רעדט זיך נישט בלויז פון ערזעצן א געביידע — נאר עס רעדט זיך פון אויפרעכטן א געגנט. דורכן אראפנעמען באסעס פון אונזערע געסער און שאפן א נעטווארק פון לעבהאפטיגע גרינע שטחים, טוהען מיר פונדאסנייי פארבינדן העל'ס קיטשען, פאררעכטן ריסן צווישן די שטאטישע געגנטער און אהערשטעלן די מאדערנע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור וואס קומט זיך פאר ניו יארקער. דאס איז א זיג פאר די קאמיוניטי, פאר שטאנדהאפטיגקייט און פאר די צוקונפט פון אונזער סיטי. איך וויל באדאנקען די פארט אויטאריטעט, מאנהעטן קאמיוניטי באורד 4 (Manhattan Community Board 4) און מיינע קאלעגן אין רעגירונג פאר אלע ארבעט וואס זיי האבן געטוהן אונז צו ברענגען צו די נקודה."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין, Selvena Brooks-Powers (סעלווענא ברוקס-פאווערס), פארזיצערין פון די קאמיטע אויף טראנספארטאציע און אינפראסטרוקטור ( Committee on Transportation and Infrastructure), האט געזאגט,** "פארלעסליכע און צוגענגליכע פובליק טראנספארטאציע איז גאר וויכטיג פאר אונזער ראיאן'ס עקאנאמישע געזונטהייט און קוואליטעט פון לעבן. די מידטאון באס טערמינאל איז א קריטישע פארבינדונג פונקט פאר טעגליכע רייזנדע אריבער די סיטי און ווייטער, און די אנהויב ארבעט ציייכנט אפ א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פונעם אהערשטעלן א מאדערנע און ווירקזאמע איינריכטונג וואס קומט נאך די 21'סטע-יאר הונדערט באדערפענישן. איך קוק

ארויס צו פארגעזעצטע צוזאמענארבעט מיט די פארט אויטאריטעט צו זיכער מאכן אז דער פראיעקט לייגט געוויכטיגקייט, דאס היטן אויף די ענווייראמענט און קאמיוניטי בענעפיט אין צענטער פון יעדע שטאפל."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט (New York City Economic Development Corporation) פרעזידענט און CEO, Andrew Kimball (ענדרו קימבאל), האט געזאגט,** "מיט די היינטיגע אנהויב ארבעט אויף די Dyer Avenue פלאטפארמעס, רוקט זיך דער חזון פון די מידטאון באס טערמינאל איין טריט נאענטער צו ווערן א רעאליטעט און מידטאון מאנהעטן באקומט א ריזיגע מאדערניזירונג. די נייע טערמינאל איז מער פון בלויז איינס פון די מערסט פארנומענע טראנספארטאציע צענטערן אין דאס לאנד — עס ברענגט נייע אפענע שטח, רעדוצירט אנגעלייגטקייט, באשפעטיגט טראנספארטאציע יוניאן ארבייטער דורכאויס די קאנסטרוקציע און ברענגט מאסיווע פארבעסערונגען צו די קוואליטעט פון לעבן אין מידטאון מאנהעטן."

**ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York City Department of Transportation, NYC DOT) קאמישאנער, Ydanis Rodriguez (אידעניס ראדריגעז), האט געזאגט,** "עס איז פריידיגע נייעס פאר די סיטי, פאר באס פאסאנזשירן און פאר די לאקאלע קאמיוניטיס אויף מאנהעטן'ס וועסט סייד אז קאנסטרוקציע אויף די Dyer Avenue פלאטפארמעס איז יעצט אונטערוועגס. דורכן רעדוצירן אנגעלייגטקייט פון באסעס און דאס שטיין מיט אנגעצינדענע מאטארן אן זיך רוקן, פארלייכטערן די ערפארונג פון טעגליכע רייזנדע און שאפן נייע ענפטליכע שטח, וועט דער מידטאון באס טערמינאל ערזעצונג פראיעקט פיל באררייכערן די געגנט וואס ניו יארק סיטי האט אויסגעוואקסן. די NYC DOT גראטולירט די פארט אויטאריטעט אויף די אנהויב ארבעט, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן זיי צו שטיצן אין די איינפלוסרייכע איניציאטיוו."

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סיטי פלאנירונג (New York City Department of City Planning) דירעקטאר, Dan Garodnick (דען גאראדניק), האט געזאגט,** "עס איז שווער צו איבערטרייבן ווי וויכטיג די מידטאון באס טערמינאל איז פאר ניו יארק סיטי, פאר דעם טריי-סטעיט ראיאן און פאר דאס לאנד. עס איז איינע פון די גרויסע פאדערשטע טויערן אריין צו אונזער סיטי. מיט די היינטיגע אנהויב ארבעט אויף די Dyer Avenue פלאטפארמעס, נעמען מיר די ערשטע טריט אין ריכטונג פון א מאדערנע, ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע צענטער ווי עס קומט זיך פאר ניו יארקער. איך קוק ארויס צו זעהן די טראנספארמאציע באקומענדיג א צורה און באדינענדיג איינוואוינער, טעגליכע רייזנדע און באזיכער פאר פילע קומענדיגע דורות."

**Building and Construction Trades Council of Greater New York פרעזידענט, Gary LaBarbera (גערי לאבאַרבערא), האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א קריטישע דערגרייכונג פאר דעם מידטאון באס טערמינאל ערזעצונג פראגראם, א וויכטיגער קריטישער אינפראסטרוקטור פראיעקט וואס וועט נישט נאר אוועקשטעלן א מאדערנע און ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע צענטער פאר ניו יארקער און באזיכער צוגלייך, נאר וועט אויך שאפן טויזנטע יוניאן קאנסטרוקציע קאריערעס פון וועלכע מענטשן וועלן קענען אויסהאלטן זייערע פאמיליעס. מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) און גאווערנער Murphy (מוירפי), צוזאמען מיט די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי, פארן פאראויס שטופן די גרויסארטיגע דעוועלאפמענט וואס וועט דינען אלס אן עקאנאמישע ברכה פאר אונזער סיטי און ארומיגע קאמיוניטיס. אונזערע מיטגלידער קוקן ארויס צו שפילן א ראלע ביים בויען דעם פראיעקט און זיך צו ארויסלאזן אויף די וועגן צו די מיטעלע קלאס וואס עס שאפט."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, Julie Tighe (דזשולי טייה), האט געזאגט,** "די נייע מידטאון באס טערמינאל וועט זיין מהפכיות'דיג פאר טעגליכע רייזנדע און געגנטליכע

איינוואוינער צוגלייך און א ריזיגע געווינס פאר די סביבה. בשעת'ן באדינען הונדערטע טויזנטע טעגליכע פאסאנזשירן — וועט די נייע עמיסיע-פרייע, עלעקטרישע באס-פריינטליכע רייזנדע צענטער שניידן לופט פארפעסטיגונג, פארלייכטערן די לאסט אויף די לאקאלע געסער און שאפן טויזנטע שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס אין די פראצעדור. פונקט אזוי וויכטיג — וועט די צוגאב פון 3.5 אקער פון נייע עפנטליכע גרינע שטח ברענגען לאנג-אנהאלטנדע בענעפיטן פאר די סביבה און פאר די געזונטהייט פון די פובליקום פאר די ארומיגע קאמיוניטי. מיר לויבן אויס גאווערנערס Hochul (האקול) און Murphy (מוירפי) און די פארט אויטאריטעט פארן לייגן פריאריטעט אויף קלימאט-קלוגע דעזיין און פארן אינוועסטירן אין א געזונטערע, מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט."

**New York Building Congress פרעזידענט און CEO, Carlo A. Scissura (קארלאָו א. סיסורע), האט געזאגט,** "די אנהויב ארבעט איז א היסטארישער מאמענט נישט נאר פאר די טראנספארמאציע פון מאנהעטן'ס וועסט סייד נאר פאר דעם גאנצן ראיאן. די פארט אויטאריטעט שטופט פאראויס אן אמביציעזע חזון פאר טראנספארטאציע און עפנטליכע שטח וואס ברענגט עכטע בענעפיטן און וואס וועט שאפן איבער 6,000 שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס און 3.5 אקער פון עפנטליכע אפענע שטח — דאס אלעס בשעת'ן ברענגען לאנג-נויטיגע אינפראסטרוקטור מאדערניזירונגען. דער נייער מידטאון באס טערמינאל פראיעקט איז גענוי די סארט אינוועסטירונג וואס ניו יארק דארף, און מיר שטייען שטאלצערהייט אויף די זייט פון די וועלכע האבן דאס געמאכט געשעהן היינט – מיט א ספעציעלע דאנק פאר Rick Cotton (ריק קאטאן) פאר זיין פירערשאפט – אזוי ווי מיר הויבן אן די ארבעט אויף דעם באגייסטערנדן און וויכטיגן פראיעקט."

**Real Estate Board of New York (REBNY) פרעזידענט, James Whelan (דזשעימס ווילען), האט געזאגט,** "REBNY און אירע מיטגלידער זענען דערפרייט צו זעהן די אנהויב פון דעם פראיעקט. מער פון בלויז שטיצנדיג די וואוקס פון ניו יארק סיטי'ס פארשידנארטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור — וועט דער פראיעקט אריינבלאזן אן ענערגיע אין אונזער עקאנאמיע מיט טויזנטע נייע דזשאבס און ריטעיל געשעפטן אין מידטאון."

**Regional Plan Association פרעזידענט און CEO, Tom Wright (טאם רייט), האט געזאגט,** "די היינטיגע אנהויב ארבעט איז די רעזולטאט פון יארן פון דורכגעטראכטע צוזאמענארבעט צו אהערשטעלן א מיטגעטיילטע חזון פאר א פונדאסניי-אויסגעשטעלטע מידטאון באס טערמינאל וואס פארשטערקערט די לאקאלע קאמיוניטי און ברייטערט אויס ראיאנישע באוועגונג מעגליכקייטן. די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל איז איינס פון די מערסט פארנומענע טראנספארטאציע צענטערן אין דאס לאנד און איז קריטיש פאר די אנגייענדע עקאנאמישע הצלחה פון דעם טריי-סטעיט ראיאן. דער מאמענט צייכנט אפ א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון די שאפונג פון א מאדערנע, אויסגעברייטערטע, ערשט-קלאסיגע טערמינאל וואס וועט נישט נאר ערפילן די באדערפענישן פון רייזנדע נאר אויך שאפן אן איינריכטונג און אטראקציע פאר די קאמיוניטי."

**CEO פון Association for a Better New York, Emma Pfohman (עמא פפאמאן), האט געזאגט,** "אלס די אריינגאנג פונקט פאר מיליאנען פון טעגליכע רייזנדע יעדעס יאר — וועט די אויפגעלעבטע מידטאון באס טערמינאל נישט נאר פארבעסערן די טאג-טעגליכע לעבנס פון ניו יארקער, נאר עס וועט אויך זיין א טרייב קראפט פאר אונזער סיטי'ס אנגייענדע וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט. די Association for a Better New York אפלאדירט גאווערנער Hochul (האקול), גאווערנער Murphy (מוירפי) און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי פארן פירן צו די וויכטיגע אינוועסטירונג אין דעם ראיאן'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און אין אונזער סיטי'ס צוקונפט."

**Times Square Alliance פרעזידענט, Tom Harris (טאם העריס), האט געזאגט,** "די מידטאון באס טערמינאל איז אן עקסטרעם-קריטישע געביט פון די טעגליכע רייזע לעבן פון די הונדערטע טויזנטע

מענטשן וואס פארן אריין צו Times Square יעדן טאג. מיר אפלאדירןביידע גאווערנערס פארן אונטערנעמען די ערשטע טריט אין ריכטונג פון די נייע צוקונפטיגע ערשט-קלאסיגע טערמינאל וואס וועט גיבן נאך א סיבה פארוואס Times Square איז איינס פון די שטערקסטע טראנספארטאציע צענטערן אין די סיטי און ווייטער."

**Bryant Park Corporation פרעזידענט, Dan Biederman (דען בידערמאן), האט געזאגט,** "מיר האבן געזעהן א פריערדיגע ווערסיע פון די פארט אויטאריטעט'ס פלענער פאר די באס טערמינאל. זיי זענען אויסגעצייכנט — גענוי וואס מיר וואלטן ערווארטעט פון די אגענטור וואס האט געהאט לעצטיגע הצלחות מיט טערמינאלן ביי די נוארק און לאגווארדיע לופטפעלדער. מיר אינדארסירן שטארק זייערע ערשטיגע שריט צו סוף כל סוף מאכן די PABT, וואס דינט אלס אן ארייננגאנג פונקט פאר ברייענט פארק באזיכער, פאר אן אטראקטיווע איינריכטונג."

**מאנהעטן טשעימבער אָוו קאמערס (Manhattan Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO, Jessica Walker (דזשעסיקע וואלקער), האט געזאגט,** "היינט איז א באגייסטערנדער טאג פאר אלע ניו יארקער און אזוי אויך ארבייטער און באזיכער וועלכע קומען אהער פון דעם ברייטערן ראיאן. דער פאראויס-קוקנדער פראיעקט איז קריטיש פאר ניו יארק'ס גרייטקייט פאר צוקונפטיגע וואוקס און פארלאנג. עס איז שעפעריש און שטרעבנד אין נאטור, פארשטייענדיג אז אונזערע סיטי'ס בעסטע טעג זענען בעפאר אונז. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די פארט אויטאריטעט און גאווערנערס Hochul (האקול) און Murphy (מוירפי) פארן אונז ברענגען צו די נקודה."

**מאנהעטן קאמיוניטי באורד 4 פארזיצערין, Jessica Chait (דזשעסיקע טשעיט), האט געזאגט,** "קאמיוניטי באורד 4 איז שטאלץ צו באצייכענען די דערגרייכונג אין ריכטונג פון א ריינערע, וויניגער אנגלייגטע און מער פארבינדענער ראיאן. די Dyer Avenue פלאטפארמעס גיסן די בוכשטאבליכע יסודות פאר א מאדערנע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע צענטער וואס שפיגלט אפ א ווארעם-אויפנעמנדע און גלאטע ארייננגאנג פונקט צו ניו יארק סיטי. מיר באדאנקען די פארט אויטאריטעט און אונזערע ערוויילטע שותפים פארן לייגן די געדאנקען צוריקגעהערט פון די קאמיוניטי אין צענטער אין א פראיעקט וואס וועט פארבעסערן לופט קוואליטעט, רעדוצירן אנגעלייגטקייט אויף די געסער און ברענגען קריטישע אפענע שטח צו אונזער געגנט."

**Hudson Yards Hell’s Kitchen Alliance פרעזידענט, Robert J. Benfatto (ראבערט דזש. בענפאטאָו), האט געזאגט,** "די Hudson Yards Hell's Kitchen Alliance קוקט ארויס צו די פארענדיגונג פון די קאנסטרוקציע פון דעם מידטאון באס טערמינאל פראיעקט, אריינרעכענענדיג די Dyer פלאטפארמעס, כדי די געגנט זאל קענען אנהויבן נוצן א נייע, ערשט-קלאסיגע באס טראנספארטאציע איינריכטונג. מיר וועלן פארזעצן צו שתדל'ן פאר אונזער קאמיוניטי דורכאויס די לאנגע פראצעדור, אזוי ווי אונזער מיסיע זאגט אז מיר זענען איבערגעגעבן צו בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן פון די פארשידנארטיגע באפעלקערונג וואס וואוינט, ארבעט און באזוכט אין די דיסטריקט."

**איבער די מידטאון באס טערמינאל**

די פלאץ וואס איז היינט די וועלט'ס מערסט פארנומענע באס טערמינאל איז געעפנט געווארן אין 1950, נאכדעם וואס דער מעיאר פון ניו יארק סיטי האט פארלאנגט פון די פארט אויטאריטעט צו פאראייניגן אכט באזונדערע, קלענערע באס טערמינאלן אריבער מידטאון מאנהעטן כדי צו פארלייכטערן אנגלייגטקייט אויף די געסער. אזוי ווי די ראיאנישע באפעלקערונג איז געוואקסן און זיך פארשפרייט געאגראפיש, האט די פארט אויטאריטעט אויסגעברייטערט די טערמינאל'ס קאפאציטעט אין 1963 דורכן אריבערטוישן פארקינג פלאץ צו ווערן א פערטע שטאק פאר באס אפעראציעס און צולייגן דריי נייע שטאקן פון עפנטליכע פארקינג פלאץ פאר 1,000 קארן. שטייענדיג אין 1966 האט די טערמינאל באדינט נאענט צו 69 מיליאן פאסאנזשירן, ווידעראמאל פארלאנגענדיג א פארגרעסערטע באס

קאפאציטעט. אין 1970 האט די פארט אויטאריטעט געשאפן א 2-מייל-לאנגע אויסשליסליכע באס לעין (exclusive bus lane, XBL) אויף די New Jersey Route 495 זיך דערנענטערנדיג צו די Lincoln Tunnel, גיבנדיג באסעס שנעלערע צוטריט דירעקט צו די באס טערמינאל און איינשפארנדיג טעגליכע רייזנדע ביז אזויפיל ווי 20 מינוט אין רייזע דויערונג.

אין 1981 האט די פארט אויטאריטעט אויסגעברייטערט די באס טערמינאל'ס קאפאציטעט מיט 50 פראצענט מיט א נייע אויסברייטערונג צו די צפון פליגל ארויס צו 42nd Street און די פאדערשטע דרויסנדיגע זייט פון די געביידע וואס איז יעצט באקאנט פאר באס פאסאנזשירן. די יעצטיגע איינריכטונג איז אויסגעשפרייט איבער 1.9 מיליאן סקווער פיס זייענדיג די לאנד'ס גרעסטע און וועלט'ס מערסט פארנומענע באס טערמינאל. באזונדערע באס פירמעס, די גרעסטע פון וועלכע איז NJ Transit, האלטן אויף די רוטס פאר טעגליכע רייזנדע אריבער ניו דזשערסי, מזרח פענסילוועניע און די אונטערשטע האדסאן וואלי, און זיי שטעלן אויך צו סערוויסעס צווישן שטעט פון און צו לאקאציעס ווי אפסטעיט ניו יארק, ניו ענגלאנד, די מיד-אטלאנטיק און קאנאדע. בעפאר די קאוויד-19 פאנדעמיע האט די באס טערמינאל אקאמאדירט א געשאצטע 260,000 פאסאנזשיר רייזעס אויף א דורכשניטליכע וואכן טאג. שטייענדיג אין 2024 האט די טערמינאל באדינט אומגעפער 205,000 דורכשניטליכע טעגליכע פאסאנזשירן אין וואכן טעג.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם ערזעצונג פראיעקט, באזוכט די פארט אויטאריטעט'ס וועבזייטל פאר די מידטאון באס טערמינאל ערזעצונג דא.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן